Call no: B. (NS)Cr86

Title: Der pasuk ...

כותר: דער פסוק ...

Imprint: [England] : Yosef, [19--]

דפוסת: [אנגליה] : יאזעף, [--19]

Collation: 1 broadside ; 25 x 19 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר. תחילת השיר: אין חדר געלערנט ...

Subject: Yiddish poetry - England - London.
Jews - England - London - Religious life and customs

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# דער פסוק

1

אין חדר געלערנט האט דער רבי דאס קינד,
דעם פסוק לא תגנוב געדענק,
פערגעסען האט דאס אינגעלע. דעם טייטש געשווינד,
און האט בעקומען די לעפקע קרענק.
די קרענק אבער האט איהם געשמעקט זעהר גוט
פון דעם אונהייב, אבער נישט ביז צום לעצט,
געחאפט האט מען איהם ביי עפעס וואס נישט
און אויף 10 יאהר איהם אריין געזעצט.
(פראזע) דער רבי טרעפט איהם אין געפענגעניש,
און פרעגט איהם: „וואס הייסט דאס? איך האב
דאך דיך געלערענט דעם פסוק פון לא תגנוב?"
ניט שולדיג רבי: אוי מיין קינד אלע גנבים
אז מען חאפט זיי זאגען זיי אז זיי זיינען ניט שולדיג.
אבער אין דעם איז נור שולדיג דער פסוק 3 מאל.
לערן יונגילע מיט חשק אין דעם איז נור שולדיג דער פסוק
איהר זעהט דאך אז מען טוהט ניט ווי אין פסוק שטייט.

2

בן שמונה עשרה לחופה אין חדר
האט ער געלערענט און פערגעסען די טייטש
ביז 30 יאהר געהילעט האט ער כסדר.
און א בחור איז נאך דער יונגאטש
מיט א פנים פון קנייטשען אין דעם מויל ניט קיין ציין.
א ליסע קאפ און די פיס פערדרייט,
דער כלה קען 3 מאל דער אפטיט פערגיין
ווען זי אזא חתן דערזעהט,
דער רבי דערזעהט איהם פרעגט ער איהם
ווער האט דיך אזוי שיין געמאכט?
רבניו איך בין ניט שולדיג.
דעם ליסע קאפ האב איך בעקומען פון צו פיל לערנען,
די פיס פון א פערקילונג, די ציין זיינען
מיר פשוט גלאט ארויס געפאלען,
דערצייל עס דער באבע דיינע.
נישט דאס לערנען איז שולדיג
און נישט דאס פערקיהלונג
אין דעם.... פסוק.

3

לא תחמוד ניט גלוסטען מיט א געוואלד
גיט דער רבי דעם קינד צו פערשטיין.
ווי דאס יונגעלע ווערט נור 18 יאהר אלט
טייטשט ער אנדערש דעם פסוק אליין,
דעם חבר'ס ווייב האט ער קאמפלימענטען געמאכט
ביז דער חבר האט איהם געכאפט
און באלד האט ער איהם א פאר בלאע אויגען געמאכט,
זיין פנים, די נאז גוט צוקלאפט.
(פראזע) דער רבי זעהט איהם,
אה, שלמה'לע, וואס איז דאס? ווער האט דיך
אזוי צוויאשעט, אזוי בלוי געמאכט?
אה, ענטפערט ער, איך בין אין דעם ניט שולדיג,
מיין חבר האט מיר אזוי צו'הרג'עט פאר גאר ניט,
איך בין ניט שולדיג, א. ז. וו.

4

אן אלטיטשקער האט שטארקט נאך דעם פסוק געשטרעבט
הרי את מקודשת לי,
4 ווייבער האט ער שוין לאנג איבערגעלעבט,
און נעהמט א פינפטע מיידעל דערצו.
דאס מיידעל האט דעם אלטיטשקען אויסגעבראכט,
מיט א יונגען מאן האט זי צוגעלעבט א וועלט.
און פלוצים איז זי גאר אנטלאפען ביי נאכט,
און פערנומען זיין לעצט ביסעל געלד.
(פראזא) דער אלטיטשקער שטייט אויף אין דער פריה,
אוי, א צרה, ניטא די ווייבעל,
ניטא די געלד! לויפט ער באלד צום רבי'ן
און קלאגט זיך, רבי לעב, שולדיג איז דא
קיינער ניט ווי נאר ער און זי און זי
און ער. געה, דו אלטער ראקען-פרעסער.
ניט ער איז שולדיג, ניט זי איז שולדיג
דערצעהלסטו מיר, פערגעס ניט זי איז
א יונג ווייבעל און ער איז א יונגער מאן
פון 18 יאהר. דו פערשטעהסט שוין אלטער,
נאר פון 18 יאהר...

אלערליי לידער און ביכער צום לעזן איז נאר ביי מ. יאזעף, 174 קאממערשעל רויד, איסט.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

(NS) G86.